בס"ד

שבת מברכים ניסן | ר"ח יום ראשון | המולד יום שבת 7:46 | 1 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## פקודי

## כ"ט אדר תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:20 |
| מוצש"ק | 7:34 |
| ר"ת | 8:14 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:52 | סוז"ת א' 10:09 |
| סוזק"ש ב' 9:35 | סוז"ת ב' 10:38 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קכ"ח

שנה ג'

## טיב הפרשה

# א משכן אין די הארץ פון א איד

## אלה פקודי המשכן

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די ציווי פון משה רבינו פאר כלל ישראל בנוגע בויען דער משכן.

אין ירושלמי ברכות [פרק ד' הלכה ג'] שטעלט דער ירושלמי צו די אכצן ציוויין וואס הקב"ה האט געגעבן ביי דער משכן, צו די אכצן ברכות פון שמונה עשרה.

פאלגענד איז דער לשון פון חז"ל אויפ'ן ארט: "רבן גמליאל אומר: בכל יום אדם מתפלל שמונה עשרה, ורבי יהושע אומר: מעין שמונה עשרה, רבי עקיבא אומר אם שגורה תפילתו בפיו מתפלל שמונה עשרה, ואם לאו מעין שמונה עשרה, ולמה שמונה עשרה וכו', ר' שמואל בר נחמני בשם רבי יוחנן כנגד שמונה עשרה ציוויין שבתורה בפרשת משכן", עכ"ל.

ווען מען איז זיך מתבונן איבער די קשר צווישן די צוויי זאכן ווערט שווער וואס האט איינס מיט'ן צווייטן, און פארוואס זאל איינס ווייזן קעגן די אנדערע.

צו פארשטיין דער קשר צווישן די צוויי זאכן, איז וויכטיג מקדים צו זיין דער באקאנטער יסוד וועלכער ווערט געברענגט אין אלע ספרי קודש [זעה וועגן דעם באריכות אין ספר נפש החיים שער א' פ"ד], אז אזוי ווי עס איז געווען א פיזישער בית המקדש און א משכן אויף די וועלט איז אויך דא אין יעדער מענטש א משכן און א מקדש, און עס איז דער פליכט פון א מענטש צו זען אז זיין הארץ זאל זיין א מקום פון השראת השכינה.

עס איז באקאנט דער הייליגער לשון פון דער בעל החרדים אין זיין פיוט [פרק ל"ד, אין די פיוט] בלבבי משכן אבנה. מיט די ווערטער געבט דער בעל החרדים ארויס דער געדאנק אז ווען א איד איז זוכה האט ער א משכן אין זיין הארץ, אבער עס איז פשוט אז מען דארף טון עפעס דערפאר, עס ווערט נישט פון זיך אליין.

ווען מען גרייט אן א שטוב פאר א צווייטן, איז דא די חלק המחשבה און די חלק המעשה, און אויך דא דארף זיין די זעלבע זאך. אויך ביי די קרבנות איז געווען די חלק המחשבה און די חלק המעשה, און דא דארף זיין די

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה'

געווען זענען צוויי פארשער, וועלכע האבן אינאיינעם באשלאסן אויסצופארשן ווייטע און פארדוקטע לענדער. ווען זיי זענען אנגעקומען צו זייער ערשטער ציל, האבן זיי אנגעהויבן זיך צו דרייען און קענען דעם פלאץ פון דער נאנט, טיף באטראכטנדיג די מענטשן פונעם ארט, מיט אלע זייערע פירונגען, וועלכע סארטן עסן וואקסן דארט, און אזוי האבן זיי ווייטער געפארשט יעדן איינצלהייט, געניסנדיג פון יעדן ניעם אנטפלעקונג און פון אלע שיינע און אינטערעסאנטע זאכן וואס זיי האבן געזען.

נאך א לאנגע צייט, ווען זיי זענען שוין כמעט ווי געווארן א טייל פון די איינוואוינער פונעם ארט, האט זיך איינער פון זיי אנגערופן צום אנדערן, 'קום, לאמיר זיך צוריקקערן צו אונזער לאנד און אונזערע הייזער, ווייל מיר האבן שוין גענוג געפארשט דעם ארט', נאר, דעמאלטס האבן זיי זיך אנגעשטויסן אין א פראבלעם, וויבאלד זיי געדענקען נישט וואס איז די סיבה צוליב וועלכע זיי זענען אנגעקומען צו אט דעם ווייטן ארט, וואס האבן זיי דארט געזוכט?

וויפיל מאל באשליסט א מענטש אז ער גייט עוסק זיין אין א געוויסער דבר־מצוה, צי מיט לערנען תורה, אדער מיט די מצוה פון צדקה, און אין אמת'ן ביים אנהייב פון זיין אונטערנעמונג געדענקט ער די גאנצע צייט דעם גרויסן מצוה אין וועכע ער איז עוסק, אבער מיט די צייט קען זיך שאפן א מצב וואס ער האט פארגעסט די אמת'ע סיבה פארוואס ער טוט א מצוה, ווייל פון אזויפיל געוואוינהייט ווערט עס שוין ווי א נאטור, און א מענטש קען לערנען פאר לאנגע יארן אן ער זאל געדענקען פארוואס ער לערנט, אדער קען א מענטש עוסק זיין דורכאויס זיין גאנצן לעבן אין מַעֲשֵׂי צְדָקָה וְחֶסֶד, אן צו געדענקען אז ער איז עוסק אין א מצוה, און אז ער טוט דאס אויפן באפעל פונעם באשעפער.

ווען די תורה הקדושה רעכנט אויס דער מעשה המשכן, זעען מיר אז עס ווערט דערמאנט נאכאמאל און נאכאמאל די ווערטער 'כַּאֲשֶׁר צִוָּה ד' אֶת מֹשֶׁה', און נישט אומזיסט חזר'ט איבער די תורה יעדן מאל און מאכט קלאר דעם 'כַּאֲשֶׁר צִוָּה ד' אֶת מֹשֶׁה', ווייל דאס קומט אונז לערנען אז ביי יעדע פעולה וואס זיי האבן געטון, און ביי יעדן שטאפל וואס זיי האבן געמאכט פאָרשריט, האבן זיי געדענקט און דערמאנט די אנדערע, אז מען טוט דאס וויבאלד אזוי האט דער אויבערשטער באפוילן, ווייל ווען מען איז עוסק אין א מצוה דארף מען געדענקען אז 'מִצְוֹת צְרִיכוֹת כַּוָּנָה', און דעריבער, כדי די ארבעט פון בויען דעם משכן זאל זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין, האט מען געדארפט דערמאנען יעדן מאל פונדאסניי 'כַּאֲשֶׁר צִוָּה ד' אֶת מֹשֶׁה'.

הגה"ק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זיע"א שרייבט אין זיין 'צעטיל קטן' וזה לשונו: 'בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הֵן בַּתּוֹרָה, הֵן בַּתְּפִלָּה, הֵן בְּמִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לוֹמַר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן, הֲרֵינִי עוֹשֶׂה זֹאת לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וְיַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לוֹמַר זֹאת בְּתוֹכִיּוֹת וּפְנִימִיּוֹת הַלֵּב, וּבְהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן יַרְגִּישׁ הֶאָרָה גְּדוֹלָה בַּאֲמִירָה זוֹ', עכ"ל.

(עפ"י טיב התורה – פקודי)

## טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זעלבע זאך און דאס טוט מען מיט גוטע מחשבות און גוטע מעשים.

עס איז ידוע די ווערטער פון חז"ל [ברכות כו] אז די תפילות וואס הקב"ה האט אונז געגעבן איז קעגן די קרבנות.

עס קען זיין אז די בחינה איז מרומז אין דער מאמר חז"ל אז אויב א איד איז גוט מתפלל, איז זיין הארץ ווי א משכן און די תפילות איז ווי די קרבנות און ער איז זיי מקריב אין זיין הארץ.

אז דער געדאנק איז קלאר, קען מען מיט דעם אויך פארשטיין דער צושטעל פון די אכצן ברכות קעגן די ציורים פון די משכן, ווייל דורך וואס א מענטש דאווענט ווי עס דארף צו זיין בויט ער זיין פריוואטער משכן ביי זיך אין הארץ.

מען קען צולייגן צו די מהלך, אז אזוי ווי תפילות איז במקום קרבנות, איז דא עטליכע נקודות וואס מען דארף אריינעמען אין חשבון ווען מען שטעלט זיך דאווענען. די ערשטע נקודה איז אז עס דארף זיין 'לרצונו לפני ה'' אז דער קרבן דארף זיין געבינדן מיט זיין רצון.

עס איז באקאנט די ווערטער פון רש"י אין ויקרא [א, ג] אויפ'ן פסוק 'יקריב אותו לרצונו לפני ה'', און רש"י אויפ'ן ארט זאגט אז פון די ווערטער לערנט מען אז מען זאל צווינגען דער מענטש ביז עס וועט זיין לרצונו, ווייל עס מוז זיין לרצון פון דער מענטש און אן זיין רצון איז דער קרבן נישט קיין קרבן, און ווי די גמרא זאגט אין מנחות [דף ק"י]: ושמא תאמר לאכילה הוא צריך, תלמוד לומר (תהלים נ, יב): 'אם ארעב לא אומר לך כי לי תבל ומלואה', ונאמר (שם י-יג): 'כי לי כל חיתו יער בהמות בהררי אלף, ידעתי כל עוף הרים וזיז שדי עמדי, האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה', לא אמרתי אליכם: זבחו כדי שתאמר אעשה רצונו ויעשה רצוני, לא לרצוני אתם זובחים אלא לרצונכם אתם זובחים, שנאמר (ויקרא יט, ה): 'לרצונכם תזבחוהו'.

די בחינה איז אויך שייך ביי תפילה. אויך די תפילה פון א איד דארף זיין לרצונו, און נאר אויב עס איז 'לרצונו' וועט דער איד מצליח זיין מיט די תפילה.

עס מאכט זיך אסאך מאל אז א איד איז נישט אין די גיסטע פון דאווענען, די תפילה איז אים לעול ולמשא, אבער אויך ווען א איד איז אין אזא מצב זאל ער זיך אריינצווינגען צו וועלן דאווענען, גלייבנדיג אז די דאווענען איז פאר זיין טובה וועגן, ווייל נאר אויב ער וועט דאווענען אזוי וועט זיין תפילה זיין לרצונו.

אסאך מאל וועט הקב"ה טון די בחינה. זעענדיג אז דער איד איז נישט אין די גיסטע צו דאווענען, וועט ער אים ברענגען צו א מצוקה, און ווען עס וועט אים זיין ענג וועט זיין דאווענען זיין בעסער און ער וועט וועלן דאווענען - ווייל די תפילה דארף זיין לרצונו און נאר אזוי איז עס מושלם.

נאך א נקודה איז דא וואס מען דארף אריינעמען אין קאפ איידער מען שטעלט זיך דאווענען, און דאס איז דער ענין פון אז אויך ווייניג כוונה האט א חשיבות.

די נקודה לערנען חז"ל ארויס פון די ווערטער 'אשה ריח ניחוח'. די גמרא אין מנחות איז מדייק אז ביי אלע סארט קרבנות פון די גרעסטע ביז די קלענסטע זאגט די תורה אז די 'נחת רוח' איז די זעלבע. עס מאכט נישט קיין חילוק צי דער איד האט מקריב געווען א גרויסער שור אדער א הינדל אדער אן ארעמע מנחה - אלעמאל מאכט ער מיט דעם א ריח ניחוח לה'.

די בחינה איז דא ביים דאווענען. עס מאכט זיך אסאך מאל אז א איד שטעלט זיך דאווענען פאר'ן בורא כל העולמים און ער קען נישט עכטיג אינזינען האבן די דאווענען, אבער ער שטרענגט זיך אן און כאטש איין חלק איז ער מכוון. אזא איד קען נאך ווערן געפאלן ביי זיך אז רוב דאווענען האט ער נישט מכוון געווען מער, אבער ער דארף וויסן אז הקב"ה נעמט אָן יעדער איינער ווי ער איז און ער זאל טון דאס זייניגע און דאס איבריגע וועט מען שוין משלים זיין פון הימל.

די נקודה איז א יסודות'דיגע נקודה אין עבודת ה' און מען דארף עס אייביג געדענקען, אז אפילו אין די שוואכע דור זאל א איד פרובירן צו טון לויט זיין יכולת און די איבריגע וועט קומען פון הימל.

דאס וועט נאר זיין אויב ער טוט עס מיט א כוונה תחילה עס זאל זיין לשם שמים - אין אזא פאל קומט אריין דער כלל אז א איד זאל טון וואס ער האט צו טון און די איבריגע וועט מען משלים זיין משמים.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זוכה זיין צו ביאת המשיח און זוכה זיין מקריב צו זיין די קרבנות בפועל ממש.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## דער טערקישער גוי - א שליח אן השאיס

פאר לאנגע וואכן בין איך געווען אין אויסלאנד פאר מיינע געשעפטן.

נאך עטליכע וואכן האב איך זיך בס"ד געגרייט אהיימצוקומען קיין ארץ ישראל.

גלייך נאכ'ן אנקומען קיין אמעריקע האב איך ארויסגעדינגען א קאר און יעצט האב איך זיך געגרייט עס אפצוגעבן אין די עירפארט.

איך האב אפגעגעבן די קאר און פון די קאר רענטל ביז צו די עירפארט שטעלט די פירמע צו א סערוויס אז זיי נעמען דיר אין א ספעציעלער שאטעל ביז צו די עירפארט.

פארנדיג האט זיך א טערקישער גוי צוגעשאַרט צו מיר און געבעטן א טובה. ער האט מיר געזאגט אז עס פעלט אים עטליכע דאלער פאר די פירמע אנצופולן די געז צי איך קען אים געבן. איך האב געטראכט א רגע און זיך שפעטער געכאפט אז פארוואס טאקע נישט, ער בעט, עס קען זיין א קידוש ה'.

איך האב אריינגעשטעקט די הענט ארויסצונעמען פון דארט עטליכע באנקנאטן אבער די טאש איז ליידיג. איך האב געקוקט אין די אנדערע טאש אבער אויך יענער איז געווען ליידיג. איך האב זיך געכאפט אז עס קען זיין אז איך האב געלאזט אין די קאר.

אין איין אטעם בין איך געלאפן צו די קאר, איך האב עס געכאפט א סעקונדע איידער מען האט עס אריינגעטראגן צו וואשן און אנגעהויבן איבערדרייען די קאר און יא - עס איז געווען דארט.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז ער האט מיר אונטערגעשיקט די ריכטיגע שליח אין די לעצטע מינוט זאל דינען אלץ א דערמאנער אז איך זאל טרעפן מיין בערזל.

דערציילט דורך דער בעל המעשה: י. ו.

די פאראינטערסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# ריינע און כשר'ע געלט

פון אייביג אן האבן הייליגע אידישע קינדער זיך דערווייטערט פון די גלוסטעניש צו געלט, און דעריבער דערמאנט מען דעם זכות פון אברהם אבינו ע"ה, ווען ער האט אפגעוואויגן פיר הונדערט זילבערנע שקלים פאר עפרון ביים קויפן דעם מערת המכפלה, און ער האט נישט נאכגעטראכט נאך די מידות פונעם אויבערשטן, וואס ער האט אים דאך מבטיח געווען אים צו געבן די לאנד. און אויך דערמאנען מיר דעם זכות פון דוד המלך ע"ה, וועלכער האט געקויפט דעם ארט פונעם הייליגן בית המקדש, פון אֲרַוְנָה הַיְבֻסִי.

אזוי איז אלעמאל די מידה פון די צדיקים, אז זיי דערווייטערן זיך עַד קְצֵה הָאַחֲרוֹן פון די תאוה פון געלט, און האבן אכטונג געגעבן אז זייער געלט זאל שטענדיג זיין ריין מֵה' וּמִיִשְׂרָאֵל.

אויך אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר, "אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן וגו'", וואו משה רבינו ע"ה געבט איבער א קלארן און פונקטליכן חשבון וואס מען האט געטון מיט די גאנצע תְּרוּמַת הַמִּשְׁכָּן ביז צו די לעצטע פרוטה. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש תנחומא דא אין אונזער פרשה (סימן ה') וועלכער דרש'נט אויפן פסוק (משלי כח, כ) "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת, וְאָץ לְהַעֲשִׁיר לֹא יִנָּקֶה", זע דארט.

פאלגנד איז א קורצע זאמלונג פון מעשיות איבער דאס אכטונג געבן אויף אידיש געלט, לכבוד די טעג ווען אידישע קינדער גייען ארויס פון די הייליגע טעג פון **פורים המשולש**, און גרייטן זיך צום הייליגן יום טוב **פסח** וואס דערנענטערט זיך, צוזאמגעקליבן פון שיחות קודש און ספרי קודש פון מורנו ורבינו שליט"א.

->•<-

איינמאל איז אריינגעגאנגען אן ארימאן צו דער גאון בעל "בית הלוי" זצוק"ל, און אים געשילדערט זיין שטארקן ענגשאפט. אט איז זיין גרויסע טאכטער אנגעקומען צום פרק 'בתולה נישאת', מען האט שוין אויך ב"ה געטראפן פאר איר א פאסיגן חתן, און ווי דער שטייגער איז האט ער זיך אונטערגענומען צו באצאלן א שיינעם סומע אלץ 'נדן', און אויך מיט אלע הוצאות פון די חתונה. און יעצט, א חודש פאר די חתונה, זענען נאך זיינע הענט ליידיג, וְלָרָשׁ אֵין כֹּל, און דער מצב אין הויז איז נישט אויסצוהאלטן.

האט דער בית הלוי אים געזאגט: יעצט האב איך נישט קיין געלט, אבער דו קענסט אריינקומען צו מיר אין צוויי וואכן ארום, וואס דעמאלטס מאכט חתונה איינער פון די עשירים פון שטאט. דער מנהג איז געווען אז אינעם טאג פון די חתונה האבן די מחותנים געשאָנקען פארן רב א קאנווערט מיט א סומע געלט דערין. און וויבאלד דער איד איז א גרויסער עושר, וועט ער לכאורה ברענגען גאר א פולן קאנווערט... אויב אזוי לוינט זיך דיר אז דו זאלסט קומען גלייך אינעם זעלבן טאג, האט דער רב אויסגעפירט.

אינעם טאג פון די חתונה, גלייך אינדערפרי, איז דער ארימאן אנגעקומען צום הויז פונעם רב. ער האט זיך אוועקגעזעצט אינעםווארט-צימער פונעם בית דין, און דארט געווארט לאנגע שעה'ן ביז די משפחה פון די מחותנים וועלן קומען צוזאמען מיטן חשוב'ן גביר, אפצונעמען די מזל-טוב וואונטשן פונעם מרא דאתרא. און ווירקליך, אין די נאכמיטאג שטונדן האט מען געהערט ווי די פראכטפולע וואגן פונעם גרויסן גביר האט זיך אפגעשטעלט נעבן דער הויז, און פון איר איז אראפגעגאנגען דעם גרויסן גביר, באגלייט מיט זיין זון דער חתן, וועלכער איז געווען אנגעקליידט מיט פראכטפולע קליידער, און נאך אים איז די גאנצע משפחה אריינגעקומען. זיי זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד דורכן גרויסן רב, וועלכער האט זיי הארציג געבענטשט לכבוד דעם גרויסן שמחה. דער חתן האט באקומען פונעם רב עטליכע הלכה'דיגע אנווייזונגען פאר די חופה און חתונה, און נאכן טרינקען 'לחיים' כנהוג, האבן זיך די מחותנים אויפגעהויבן פון ארט און זיך געגרייט צו פארן צו די גרויסע חופה. איידער ער איז ארויסגעגאנגען, האט דער נגיד נישט פארגעסן דעם מנהג המקום, און אזוי, ווען ער האט זיך הארציג געזעגנט פונעם רב, האט ער אים אריינגערוקט אין האנט א דיקן קאנווערט, אנגעפולט מיט פילע באַנקנאָטן.

דער גאון און צדיק האט זיך הארציג באדאנקט פארן גביר, און אזוי באגלייטנדיג דעם חתן און זיין משפחה אויפן וועג צו די שמחה, איז שוין דער ארימאן ארויסגעקומען פונעם ווארט-צימער, וועלנדיג זיך פארזיכערן אז אן אנדערער זאל אים נישט אויסכאפן... ער איז גלייך צוגעגאנגען צום רב מיט וואקלדיגע טריט, און דער בית הלוי האט אים געווינקען אז ער זאל זיך דערנענטערן צו אים, און נאך איידער ער האט געעפנט דעם קאנווערט צו זען וויפיל געלט עס ליגט אינעווייניג, האט ער איבערגעגעבן דעם גאנצן קאנווערט פארן ארימאן, וועלכער האט זיך שטארק געפריידט און הארציג געדאנקט דעם רב, און האט זיך שנעל געאיילט אין וועג, ווען דאס אלעס פאסירט קעגן די פארוואונדערטע בליקן פונעם רייכער מחותן.

דער חשוב'ער עושר איז זייער שטארק באליידיגט געווארן, און ער האט גלייך אויפן ארט באשלאסן, אז אויב איז דאס דער באציאונג פונעם רב צו דאס געלט, זעט אויס אז ער פארשטייט בכלל נישט אין געלט... און אויב עס איז אזוי, וויאזוי קען ער פסק'נען אין דיני ממונות? – ווער עס פארשטייט נישט אין געלט, איז נישט ראוי צו זיצן און פסק'נען, און דינען אלץ אב בית דין ביי פארוויקלטע דיני-תורה פון געשעפטן און הלוואות, א.ד.ג.

ממחשבה למעשה, זייענדיג איינער פון די חשובי הקהל, וואס מיט זיין מיינונג האט מען זיך אסאך גערעכנט אין די אנגייענדע אנגעלעגנהייטן פון די שטאט, האט ער צוזאמגערופן אלע ראשי הקהל, און זיי דערציילט די גאנצע מעשה, ערקלערנדיג אז דער בית הלוי איז נישט פאסיג צו דינען אלס רב און אב"ד אין אזא חשוב'ע שטאט! – די החלטה איז אנגענומען געווארן פֶּה אֶחָד: דער רב וועט זאָפאָרט אפגעזאגט ווערן פון זיין אמט, און כדי צו ערפילן זיין ארט, וועט זיך ארויסלאזן א חשוב'ע דעלעגאציע וועלכע וועט אויפזוכן א נייער רב און אב"ד פארן שטאט, אזא איינער וועלכער פארשטייט אויך אין ענייני ממונות.

ווען דער ראש הקהל איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב מיטן 'כתב הפיטורין' אין האנט, האט דער רב געזאגט צו אים: איך בין גרייט שוין יעצט צו פארלאזן מיין אמט, אדרבה, אזוי וועל איך קענען זיצן על התורה ועל העבודה במנוחה! איך וויל אבער וויסן די סיבה פארוואס מען פארשיקט מיר, מעגליך האב איך געפעלשט אין מיין אויפגאבע אינעם מלאכת הקודש?

האט אים דער ראש הקהל דערציילט די גאנצע מעשה, וואס דערפאר האט די הויפט וועד פונעם הנהגת הקהילה באשטימט, אז דער רב איז איבערהויפט נישט קיין מבין אין געלט-זאכן...

האט דער רב געזאגט צו אים: איך האב א פראגע פאר דיר – אויב דו גייסט אין וועג, און א 'קאזאק' כאפט דיר, און סטראשעט דיר מיט אן אָנגעשטעלטן ביקס, אז דו דארפסט אים גלייך געבן דיין גאנצן געלט, וועסטו זיך דען פארזוימען און אנהייבן ציילן וויפיל געלט דו האסט אין בערזל... אדער וועסטו אים גלייך געבן די געלט כדי צו ראטעווען דיין לעבן?

- אוודאי וועל איך אים גלייך דערלאנגען מיין גאנצן געלט, כדי צו ראטעווען מיין לעבן – האט דער ראש הקהל געענטפערט.

פונקט אזוי האב איך געפילט – האט דער רב ערקלערט – ווען איך האב געזען דעם ארימאן ווי ער שטייט פאר מיר, מיט אן אנגעשטעלטן ביקס, מיטן מצוה פון "לֹא תִקְפֹּץ אֶת יָדְךָ מֵאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן!" (דברים טו, ז), קען מען דען אין אזא מצב, אנהייבן ציילן באַנקנאָטן???

->•<-

אן אמעריקאנער איד איז אמאל געקומען אויף א באזוך, קיין ירושלים עיר הקודש. אין בית המדרש האט ער באגעגנט אן עלטערער ירושלים'ער איד, וועלכער איז געווען א חשוב'ער תלמיד חכם פון די אמאליגער אנשי ירושלים, וועלכער איז געגאנגען מער אויפן הימל ווי אויף די ערד... און געווען איז ער אנגעטון מיט אן אפגעריבענעם הוט און מיט אן אלטע מלבוש, און אין צוגאב

המשך אין עמוד ד' >

צו דעם אלעם איז אויך געווען עטליכע שטיקלעך שטרוי צוגעקלעבט צו זיין מאנטל...

וויאזוי איז דער שטרוי אנגעקומען אויף דיין מאנטל? – האט דער גאסט געפרעגט מיט איראָניע.

– וויבאלד איך האב געלייגט דעם מאנטל אינדערהיים, איבערן שטרויענעם מאטראץ אויף מיין בעט... זעט אויס, אז עטליכע שטרויען האבן זיך צוגעקלעבט פונעם מאטראץ צום מאנטל!

– און פארוואס הענגסטו נישט אויף דעם מאנטל אינעם שאפע פון די מאנטלען?

– ווייל איך האב נישט אזא 'שאפע'!

– פארוואס?

– צוליב א פשוט'ע סיבה, וויבאלד עס איז נישטא קיין ארט אין מיין קליין הויז, פאר אזא שאפע... זייענדיג א קינדער-געבענטשטע משפחה, ווערט יעדער ווינקל אויסגענוצט פאר נאך א קינד...

– אויב אזוי, דארפסטו דרינגענד האבן נאך א צימער! בוי זיך צו נאך א צימער הינטער דיין הויז, און אזוי וועסטו האבן ברייט פלאץ!

האט אים דער ירושלימ'ער איד ערקלערט מיט זיין פיקחות: קום, לאמיר מאכן דעם חשבון! איך וועל זיך יעצט דארפן אריינלייגן אין חובות כדי צו בויען א נייער צימער, און קויפן א נייעם שאפע – און דאס אלעס, פארוואס? וועגן עטליכע שטרויען אויפן מאנטל... נו, פרעג איך דיר: לוינט זיך דערפאר זיך אזוי צו אנשטרענגען?!

->•<-

אויב וועלן מיר אריינטראכטן אויפריכטיג, וועלן מיר באקומען גאר א וואונדערליכער זאך!

א מענטש קומט צום רב מיט א 'שאלה' אויף זיין בהמה וואס מען האט נארוואס געשאכטן, און דער רב פסק'נט 'טריפה'! – גלייך, אן קייןווארט, נעמט דער בעל הבית די גאנצע בהמה, אוןווארפט עס ארויס צו די הינט! ער האט נישט קיין שום טענות, און נישט נאר דאס, נאר ער באדאנקט זיך אויך פארן רב אויף זיין טירחא, און ער גיבט נאך צו געלט פארן פסק, כנהוג.

אויפצומארגנס קומט דער זעלבער מענטש צום בית דין פונעם רב, פאר א דין תורה מיט זיין חבר איבער א קליינעם סומע פון הונדערט דאלער (100$)... דער רב ואב"ד פסק'נט דעם דין, ער איז מחייב דער וועלכער איז שולדיג, און בארעכטיגט זיין חבר וועלכער איז זַכַּאי. און גלייך, ווי נאר דער מענטש זעט אז ער איז ארויסגעגאנגען חייב, ווערט ער דער גרעסטער שונא פונעם רב, און ער איז אומצופרידן און ברוגז אויפן פסק, און ער רעדט שלעכטס אויפן רב, אזוי ווי מיר ווייסן ליידער.

און דער רב פרעגט זיך אליין: פארוואס? וויאזוי קען זיין, אז בלויז נעכטן, ווען ער האט אים גע'טרפה'ט א גאנצע בהמה, וועלכע איז ווערד עטליכע מאל אזויפיל ווי דער סומע וואס מען האט דן געווען ביי דער דין תורה, האט דער מענטש גלייך אנגענומען דעם פסק מיט אן איינגעבויגענעם קאפ, און האט זיך אויך באדאנקט בְּפֶה מָלֵא. און דא, ביי דער דין תורה, ווען ער האט דערלייגט אזא קליינע סומע, איז ער ארויסגעגאנגען קעגן אים מיט אזויפיל צארן?!

דער ענטפער איז זייער פשוט, און דער געוואלדיגער מוסר השכל דערפון איז זייער שרעקליך!

דאס געלט וואס דער מענטש האט דערלייגט ביי די בהמה, איז נישט אנגעקומען צו קיין שום אנדער מענטש, נאר עס איז אינגאנצן געגאנגען לאיבוד, און דער בעל הבית דארף משלים זיין מיטן מצב. אנדערש איז אבער ווען ער האט פארלוירן דאס געלט ביים דין תורה, וואס דעמאלטס איז עס אנגעקומען צום האנט פון זיין חבר, וועלכער איז ארויסגעגאנגען זכאי-גערעכט ביים דין תורה, אינדערצייט וואס ער איז ארויסגעגאנגען חייב-שולדיג... דאס קען ער נישט אויסהאלטן בשום אופן! ער איז נישט אימשטאנד צו פארגינען זיין חבר, אז ער זאל פארדינען אויף זיין חשבון... דאס ציפט אים אין הארץ!

דערנאך האט מען מיר געוויזן, אז דאס שטייט קלאר אינעם הייליגן ספר "יערות דבש" (ח"א דרוש ה), און דערמיט איז ער מפרש די ווערטער פונעם הייליגן מדרש: "אָמְרָה כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַתְּשׁוּבָה שֶׁלְּךָ הִיא, וְאָמַר הקב"ה תְּשׁוּבָה שֶׁלָּכֶם הִיא", דאס מיינט, אין אייערע ענינים, וואס דאס איז 'בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ', זע דארט.

->•<-

אין א געלעגנהייט, האט דער הייליגער סאטמארער רב, בעל "דברי יואל" זצוק"ל, געזאגט: ווען איך בין געווען אין ירושלים עיר הקודש, ווען מענטשן זענען אריינגעקומען צו מיר, האבן זיי געבעטן געלט, און געגעבן עצות. אבער אין ניו יארק, קומען צו מיר מענטשן, בעטן עצות און געבן געלט!...

->•<-

בדרך בדחנות, האב איך אמאל געהערט מפה קדשו פון דער הייליגער באניאדער רב זצוק"ל, אז איינמאל ווען צוויי ארימעלייט האבן זיך געטראפן אין די טעג פון פורים, האט איינער פון זיי געזאגט צום אנדערן מיט גרויס פרייד: קוק וואספארא גרויסע טובה האט המן געטון מיט אונז, ווייל דורך אים האבן מיר באקומען אסאך געלט פון 'מתנות לאביונים'...

האט אים זיין חבר צוריקגעענטפערט: פריי זיך נישט אזוי שנעל, ווייל אלעס וואס המן האט אונז געגעבן, וועט פרעה שנעל קומען און אלעס ארויסנעמען פאר די פילע הוצאות פונעם הייליגן יום טוב פסח וואס קומט שוין שנעל צו גיין...

און ווירקליך איז עס אזוי, ווייל ווען מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די הערליכע מידה פון דאס צדקה פארטיילן פון אידישע קינדער אין די טעג פון פורים, איז עס מַבְהִיל עַל הָרַעְיוֹן און עס צוטרייסלט די סטרונעס פונעם הארץ און זעל! אזוי ווי עס איז גוט באוואוסט פאר די צדקה עסקנים, אז אין אט די טעג ווערן אנגעפולט אלע מגביתים פון צדקה אין אלע ענינים אויף א גרויסן אופן, און אפילו די אידן וועלכע זענען נישט קיין בעלי יכולת, לאזן זיך בעטן און געבן אסאך מער פון וויפיל זיי קענען.

האב איך ערקלערט, אז וויבאלד די מפרשים רעדן ארום באריכות איבער די ווערטער פון תוספות אין מגילה (דף טז. ד"ה ודחי), אז דאס פעדערונג פון די שקלים פון די אידן צו די שקלים פון המן, קומט אויס דער חשבון פון זעקס הונדערט טויזנט האלבע שקלים פון די אידן, אנטקעגן די צען טויזנט זילבערנע שטיק, זע דארט. – און דער הייליגער ב"ח מוטשעט זיך שוין מיט זיינע הגהות דארט אין מסכת מגילה, און אויך דער פני יהושע דארט אין מגילה, צו ערקלערן די רייד פון תוספות, וויאזוי די 'עשרת אלפים ככר כסף' פון המן, שטימט מיט די 'ששים רבוא' האלבע שקלים פון כלל ישראל, זע דארט.

האב איך געזאגט בדרך צחות, אז היינטיגע צייטן זעען מיר דאך וויפיל געלט עס גיסט זיך יעדן יאר פון די טאשן פון ישראל קדושים, ממש 'לְכָל הַפּוֹשֵׁט יָד' אן קיין אונטערשייד, אויב אזוי, איז שוין דאס צדקה-געבן פון אידישע קינדער, היבש אריבערגעשטיגן די צען טויזנט שטיק פון המן. און דאס וואס מיר געבן 'מחצית השקל' ערב יו"ט פורים, איז דאך נאר די אנהייב, וואס דאס עפנט די טאש און דאס הארץ, אבער אויב מיר וועלן אריינלייגן אינעם חשבון די פילע נתינות וואס קומען נאך איר, ביז עס ווערן פארמאכט די טויערן פונעם הייליגן טאג פון פורים, ווען עס גיסט זיך אזויפיל שפע ביי אידישע קינדער, קומט אויס אז דער חשבון איז אסאך מער, כידוע. אזוי קומט אויס אז מיר אידישע קינדער האבן שוין מכניע געווען בהכנעה גמורה דאס גאנצע 'עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים כִּכַּר כֶּסֶף' פון המן הרשע, וועלכע ווערן בְּטֵלִים וּמְבֻטָּלִים אנטקעגן די געוואלדיגע נתינה פונעם הייליגן יום טוב פורים פון אידישע קינדער.

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
מכון טיב



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173